צו שלום-עליכם

[די בריוו פון פּרצן צו שלום-עליכם געהערן צו דער צייט, ווען פּרץ האָט געוואוינט אין זאַמאָשטש, אָפּגעריסן פון וואָסער ס'איז געזעלשאַפט-לעכער און ליטעראַרישער סביבה. פּרץ איז שוין דאַן אַלט געווען אַ 36—38 יאָר, ער האָט מיט יאָרן אַפריער פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע העב-רייאישע אויסגאַבעס לידער, פּאָעמעס און דערציילונגען. ער איז אָבער געווען ווייט פון דעם דעמאָלסטיקן ליטעראַרישן צענטער, וואַרשע, און געפירט אַן אָפּגעזונדערטן לעבן פון אַ פּייאיקן פּריוואַט-אַדוואָקאַט און אָרטיקן, קליינשטעטלדיקן משכּיל. אין יענער צייט האָט מען, לויט אַ מסירה, ביי אים צוגענומען די רעכט צו פּראַקטיצירן ווי אַן אַדוואָקאַט. איינגאַנצן אַ פאַרצווייפלטער, נעמט ער זיך צו שאַפן. עס טרעט פאַר אונדז אַרויס אין די בריוו פּרצעס גייסט, כאַראַקטער און וועלט-באַנעם. אין דער צייט, ווען אָט די בריוו זיינען געשריבן, אין 1888, האָט פּרץ פאַר-עפנטלעכט די פּאָעמע „מאָניש“, — זיין ערשטע זאַך אין יידיש. דערנאָך קומען גלייך „דער בעלמער מלמד“, „וועננס און שולמית“, „דער משוגע-נער בטלן“, — אַלץ זאַכן, וואָס באַווייזן, אַז מיר האָבן שוין צו טאָן מיט אַ רייפן, אָריגינעלן קינסטלער-מייסטער און מיט די ספּעציפישע פּרצישע אייגנשאַפטן. די אָריגינאַלן פון די בריוו געפינען זיך ביי דער שלום-עליכם פאַמיליע. י. ד. בערקאָוויטש איז אַזוי פריינטלעך געווען אָפּצושרייבן פון די בריוו געוויסע קאָפּיעס און אין איניקע ערטער אויך צוגעבן דערקלערונגען. די יידישע איבערזעצונג פון די העברייאישע בריוו איז געמאַכט געוואָרן דורך אונדז ווי ווייט מעגלעך אַ וואָרטערלעכע. די בריוו זיינען געשיקט געוואָרן דורך פּרצן קיין קיעוו, וואו שלום-עליכם האָט דאַן געוואוינט און זיך פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן די יאָרביכער „די יודישע ביבליאָטעק“. שלום-עליכם, ייִנגער פון י. ל. פּרץ אויף אַ 9-8 יאָר, איז געווען באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. אַ יונגערמאַן פון אַ 28 יאָר, פאַרמעסט ער זיך אַרויסצוגעבן גרויסע זאַמל-ביכער און פאַרבעט אַלע אָנגעזעענע העברייאישע און רוסיש-יידישע שרייבער, ווי אויך עלטערע און ייִנגערע יידישע שרייבער. שלום-עליכם האָט זיך געשטעלט גאָר גרויסע אויפגאַבן מיט זיין „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק“, — צום ערשטן מאָל אויפגעזאַמלט אונטער איין דאַך די פאַרשיידנאַרטיקע יידישע שרייבער. פּרץ טרעט אַרויס אין די בריוו גאָר אַן נייער, לחלוטין אַן אַנדערער, ווי ער איז אונדז באַקאַנט פון די פריערדיקע בריוו.]

(פון העברייאיש)

טייערער הער!

צוריק מיט עטלעכע טעג האָב איך באַקומען פון איינעם פון מיינע האַרציקע פריינט, פון ה׳ עפּשטיין,* אַ קורצן אָפענעם בריוו, אָן אַ דאַטע, וואו עס שטייט געשריבן:

„דאָ ** געפינט זיך איינער אַ באַרימטער זשאַרגאָנישער שרייבער, וועלכער גרייט זיך אַרויסצוגעבן אינגיכן אין דער היגער דרוקעריי אַ יאָרבוך אין זשאַרגאָן. זיי אַזוי גוט און שיק אים צו דיינע לידער און אַרטיקלען, און אויב זיי וועלן אים געפעלן ווערן א. אַז. וו.

„דער אַרויסגעבער איז דער באַוואוסטער שרייבער מיטן נאָמען „שלום עליכם“ א. אַז. וו.“

אויפקלייבן עטלעכע מאמרים און לידער איז אַ לייכטע זאַך, און דאָך האָבן פיל מחשבות אָפּגעהאַלטן מיך צו דערפילן דעם וואונטש פונעם דער־מאָנטן פריינט.

ערשטנס, בין איך זיכער, אַז מיינע שירים און מאמרים וועלן אייך נישט געפעלן ווערן פונעם שטאַנדפּונקט („מנקדת הראות“ אָדער ווי אַנדערע ווילן: „ממלא העין“) פון פאָרם: די אומגאַנגס־שפּראַך ביי אונדז און ביי אייך איז פאַרשיידן. אונדזער אומגאַנגס־שפּראַך באַרגט באַגריפן־אויסדרוקן ביי דער

* לויט י. ד. בערקאָוויטש, זאָל עפּשטיין זיין אַן אָנגעשטעלטער איז יעקב שעפּטעלס דרוקעריי אין באַרדיטשעוו, וואו ש״ע האָט געדרוקט זיין „די יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק“. גיכער איז עס פּרצעס אַ פריינט פון זאַמאָשטש.

** אין באַרדיטשעוו.

אל שלום עליכם*

[תשעת המכתבים האלה*, שכתב י. ל. פרץ מעיר־מולדתו זאַמושץ אל שלום־עליכם שישב בקיוב, שייכים לזמן שבו התחיל שלום־עליכם להוציא את מאספו השנתי „די יידישע פאָלקסביבליאָטהעק“ וכנס אליו את טובי הסופרים היהודים שבתקופה ההיא, ביניהם גם כותבי עברית. בימים ההם כבר היה פרץ בן שלושים ושבע שנה, אך עד אז כתב ופירסם רק דברים מעטים בעברית: שירים בודדים ב„השחר“, ב„הבוקר אור“ וב„כנסת ישראל“, ספר „ספורים בשיר ושירים שונים“, שכתב ביחד עם חותנו ליכטנפלד (הספר יצא בעילום שמות המחברים וכתוב עליו: „מאת שני בעלי אסופות“), שירים וספורים לירים ב„האסיף“. ביידיש לא הדפיס עד הזמן ההוא כלום. שלום־עליכם, שהיה אז בן עשרים ותשע, כבר החל להתפרסם על־ידי ספוריו ופיליטוניו בשבועון „יידישעס פאָלקס־בלאַטט“ שיצא בפטרבורג, והדפיס גם מאמרים וספורים בודדים בעברית ב„המליץ“, „הצפירה“ ו„האסיף“. פרץ היה הראשון שבא בכתובים עם שלום־עליכם והציע לפניו את כתביו בשביל המאסף. מן כתבי פרץ הראשונים ביידיש נדפסו במאספו של שלום־עליכם: הפואימה „מאָניש“ בכרך הראשון, ושורה של ספורים קטנים בכרך השני והאחרון. — המכתבים הניתנים בזה לקוחים מארכיונו של שלום־עליכם ונדפסים כאן מתוך גוף כתב־ידו של פרץ. למען הקל את קריאתם, הוכנסו בהם רק תיקונים קלים בכתיב ובסימני ההפסק, שיש בהם משום פליטת־הקולמוס של הכותב.]

א

אדוני היקר! 17 ביוני 1888

זה איזה ימים קבלתי מכתב מאחד מידידי, מאיש לבבי ה׳ עפשטיין,[1] מכתב פתוח וקצר ובלי יום ובו כתוב לאמור:

„בפה [2] נמצא סופר אחד מהולל בשפת זארגאָן, מכין את עצמו להוציא לאור בקרוב בבית הדפוס דפה ספר שנתי בשפה הנ״ל. אנא שלח אליו שיריך ומאמריך ואם יפיקו רצון וכו׳“.

„המו״ל הוא הסופר הנודע בשמו „שלום עליכם“ וכו׳.

ללקוט איזה מאמרים או שירים דבר נקל הוא, ובכל זאת מחשבות רבות עצרוני מלמלאת אחרי חפץ ידידי הנזכר.

ראשונה בטוח אני, כי שירי ומאמרי לא ימצאו חן בעיני אדוני מנקודת הראות (או כאשר יחפצו אחרים: „ממלוא העין“) על הצורה: שונה מאד השפה הנהוגה אצלנו מהשפה הנהוגה אצלכם. השפה הנהוגה אצלנו שואלת לה ציורים מהשפה הפולאנית ואצלכם מהרוסית, וגם זאת כי אצלנו [יש] יותר מבטאים טהורים משפת אשכנז.

* המכתבים מועתקים כאן מתוך „מאזנים“, שבועון לספרות, לבקורת ולדברי אמנות, יוצא לאור על־ידי אגודת הסופרים העברים בארץ־ישראל, שנה ראשונה, תרפ״ט — 1929, חוברות ז׳, ח׳, ט׳ וי׳. ההקדמה שהובאה בזה בתוך סוגרים מרובעים וכן ההערות למכתבים שיבואו להלן, בסוגרים מרובעים, הן של י. ד. ברקוביץ (שהיה בימים ההם אחד משני העורכים של „מאזנים“, ולפיכך הביא אותם כ„ביאורים מאת המערכת“ סתם). המהדיר.

[1] בברדיטשב.

[1] [לפי שיש לשער, היה זה מנהל בית־הדפוס של יעקב שפטל בברדיטשב.] ולפי השערה אחרת — משה אפשטיין דודו של פרץ, רב בזאמושץ ומחבר ספר „בית משה“.

פוילישער שפּראַך, און ביי אייך — פון דער רוסישער. און נאָך: יוויל ביי אונדז זיינען דאָ מער אויסדרוקן פון דער דייטשער שפּראַך.

צווייטנס, איך ווייס די אַרבעט פון מיין האַר: זיין ווילן און שטרעבן איז (אויף וויפיל איך האָב געקענט פאַרשטיין) צו שרייבן צוליבן עולם, וואָס רעדט זשאַרגאָן פון זשאַרגאָנען־לאַנד, איך אָבער שרייב צוליב זיך, צוליב מיין הנאה־וועגן, און אויב איך דערמאָן מיך אַמאָל אָן דעם לעזער, איז ער פון אַ העכערער מדרגה פון דער געזעלשאַפט, עס איז דער מענטש, וואָס האָט געלייענט און געלערנט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך.

דריטנס: פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די אָביעקטן גופא. איר קליידט אָן פרעמדע, נאַקעטע געדאַנקען פון אַן אויסערער וועלט און דער עיקר — פון דער רעאַלער וועלט, און איך, וואָס שרייב פון מיין הנאה־וועגן און לויט דער שטימונג, בעת איך האַלט די פעדער, נעם איך גלייכצייטיק פון פאַרשיידענע וועלטן. -

און פערטנס, ווייל דאָס שרייבן אַליין איז ביי אונדז אַנדערש ווי ביי אייך, און ס'וועט אייך שווער זיין צום לייענען. חוץ דעם האָב איך, ווי מיר דוכט, אַן אַנדער מאַניר צו שרייבן; עס אונטערשיידט זיך דערמיט, וואָס איך שרייב, ווי מען רעדט ביי אונדז און שלינג איין זילבן, וועלכע מ'שלינגט דאָ איין בעתן רעדן. אָט דער חסרון (פאַר לייענער פון רוסלאַנד) ווערט נאָך שטאַרקער ביים שרייבן לידער, וואו די זילבן זיינען געציילטע. און ביי אַן אַנדער אויסשפּראַך און ביי אַן אַנדער אַקצענט פאַרלירט זיך דער קלאַנג און האַרמאָניע.

אָט די פיר מחשבות, וואָס האָבן מיך אָפּגעהאַלטן צו שיקן אייך, האָב איך אַוועקגעלייגט אויף איין וואָגשאָל, און אויף דער צווייטער — האָב איך אַוועקגעלייגט איין געדאַנק, וועלכער האָט זיי איבערגעוואויגן.

איך האַלט, אַז איצט איז די אַממערסטן פּאַסיקע צייט צו דערנענטערן די הערצער און צו שאַפן אַ געמיינזאַם אָרט אין דער ליטעראַטור, וואו עס זאָלן קומען צום אויסדרוק די יידיש־פּוילישע און יידיש־רוסישע אויסשפּראַכן; איצט איז די העכסטע צייט צו דערוועקן די הערצער פון יעדן איינעם צו פאַרשטיין דעם ברודער, וואָס לעבט אין איין לאַגע און אין איין צייט מיט אים, נאָר אין אַן אַנדער אָרט.

דאָס אַלץ וואָס איז נוגע צו מיר.

און איר האָט דאָס רעכט צו דערנענטערן, אָדער צו דערווייטערן.

אויב איר וועט דערנענטערן — איז מיין דאַנק גרייט פאַר אייך, און אויב איר וועט דערווייטערן — איז מיין בקשה אומצוקערן מיר, וואָס איך שיק אייך.

איך בין איינער פון אייערע פאַרערער און שעצער פון אייער אַרבעט

ל. פּרץ.

שנית יודע אני את מלאכת אדוני. חפצו ומגמתו (לפי מה שיכולתי להבין) הוא לכתוב למען הקהל המדבר זארגאָן בתכלית הזארגאָן, ואני כותב בשביל עצמי, להנאתי, ואם לפעמים זוכר אני את הקורא, הוא איש מהמדרגה העליונה של החברה, הוא איש אשר קרא ושנה בשפה חיה.

שלישית: יש הבדל גדול מאד בין הנושאים בעצמם. אדוני מלביש רעיונים ערומים מעולם אחר, ויותר מעולם המעשה, ואני, ככותב להנאתו לפי מצב רוחו בשעה שהוא תופש את העט, לקחתי מכל העולמות יחד.

ועוד רביעית, כי הכתיבה בעצמה אחרת אצלנו ואחרת אצלכם, ותכבד על אדוני הקריאה. מלבד זה לי בעצמי [יש] כתיבה, כמדומה לי, עוד אחרת; שונה היא בזה שאני כותב כמו שאצלנו מדברים ובולע אני את המבטאים הנבלעים בשעת הדבור. החסרון הזה (למען הקורא הרוסי) יגדל יותר בכתיבת השירים, שבהם המבטאים ספורים. ואם אך מבטא אחר, או גם אַקצענט אחר, יאבד המספר ויחס השווי (האַר־מאָניע).

את ארבעת המחשבות העוצרות האלה שמתי בכף אחת ובכף השניה שמתי אך מחשבה אחת והיא הכריעה.

חושב אני, כי עתה העת היותר כשרה לקרב את הלבבות ולתת מקום בספרות למבטא יהודי פולין והמבטא יהודי רוסיא יחד; כי עתה הזמן הנועד לעורר לבב כל אחד להבין את אחיו הדומה לו במצב ואך שונה במקום.

כל זה נוגע אלי.

לאדוני המשפט לקרב או לרחק.

אם יקרב — תודתי נכונה, ואם ירחק, אחת בקשתי — להשיב לי את הנשלח.

והנני אחד ממכבדיו ומוקירי פעולתו

ל. פרץ

ב

4 ביולי 1888

אדוני היקר!

1) מכתבך, אדוני, שמחני מאד, כי נוכחתי לדעת שההבדל בין המבטאים של יהודי פולין ורוסיא אינו גדול כל־כך ואיש יוכל להבין את רעהו, אם אמנם לא אכחד, כי בהבדל הזה תולה אני את משפטך לשבט בנוגע ליתר השירים (אחרי נכיון הנבחרים). ישנם שירים קטנים, כמו „שקר אין לו רגלים", „נחמן דייטש", „דיא געבילדעטע משפחה" ועוד, אשר אם שאינם נוגעים אל חיי העם בפרט, אולם מראות נגעים הם, נגעים כוללים בחיי העמים, אבל נגעים מצואים גם אצלנו. יוכל היות גם־כן, שאהבת עצמי מדברת מתוך גרוני.

2) למשיב נפש היתה לי הידיעה, כי מתאחדים בפועל[2] הזה כמה „דאָקטורים וסטודענטען"! מה רב ההבדל בין יהודי פולין ורוסיה בתכונת נפש בשאלת השפה! אצלנו לא תמצא חובש אחד מני אלף, אשר לא יבוש לדבר עברית, ואשר גם בעת החיה הרעה הזאת לא יצעק חמס על הרגש הלאומי אשר נעור בקרב הטובים והמתוקנים. ואם החובש כך, הסטודענט, החולם מאחדות כל העולם כולו בחיק העתיד היותר קרוב — על אחת כמה וכמה.

(פון העברייאיש)

טייערער הער!

1) אייער בריוו האָט מיך זייער דערפרייט, ווייל איך האָב זיך איבערציגט, אַז דער אונטערשייד צווישן די אויסשפּראַכן פון די פּוילישע און רוסישע יידן איז גאָרנישט אַזוי גרויס, און איינער קאָן פאַרשטיין דעם צווייטן, הגם איך לייקן נישט, אַז פון אָט דעם אונטערשייד ווענדט זיך אייער נעגאַטיווער אורטייל וועגן די איבעריקע לידער (אויסער די אָפּגעקליבענע). פאַראַן קליינע לידער, ווי „שקר אין לו רגלים", „נחמן דייטש", „דיא געבילדעטע משפחה" און אַנד., וואָס אויב זיי האָבן נישט צו טאָן ספּעציעל מיט יידן, אָבער זיי זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון פּלאָגן, וואָס זיינען דאָ ביי אַלע פעלקער און אויך ביי אונדז.

ס'קאָן אויך זיין, אַז מיין אייגן־ליבע רעדט פון מיר אַרויס.

2) מיר איז אָנגענעם געווען די ידיעה, אַז אין אָט דער אונטערנעמונג פאַראייניקן זיך איניקע „דאָקטוירים און סטודענטן"! ווי גרויס איז דער אונטערשייד צווישן די יידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד אין דער באַציאונג צו דער שפּראַכן־פּראַגע! ביי אונדז וועט איר נישט געפינען קיין פעלדשער, אַפילו איינעם פון טויזנט, וואָס זאָל זיך נישט שעמען צו רעדן יידיש, און וואָס זאָל אויך אין דער איצטיקער שווערער צייט נישט מאַכן קיין געוואַלדן אויף דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס האָט זיך דערוועקט ביי די בעסערע און אינ־טעליגענטערע יידן. און אויב דער פעלדשער איז אַזוי, איז דאָך דער סטודענט, וואָס טרוימט פון פאַראייניקונג פון דער גאַנצער וועלט אינעם שויס פון דער גאָר נאָענטער צוקונפט — אַוודאי און אַוודאי.

3) אייערע מיטאַרבעטער, וואָס איר רעכנט אויס, קאָן איך גוט; אָבער זייט מיר מוחל, אויב איך וואַג אָנצואווייזן אויף דעם אַלטן גאָטלאָבער*! אָט דער אַלטער, יואָס די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט איז פול מיט אים. ער לעבט נישט פונעם פאַרדינטן, נאָר פון גמילות־חסדים. אָט דער מאַן האָט אַ לאַנגע און ברייטע צונג, אָבער אַ קורצן שכל... איך האָב קיינמאָל נישט זוכה געווען צו טרעפן ביי אים אַ נייעם געדאַנק, אַ נייעם אויסדרוק... ווי אין לשון־קודש אַזוי אויך אין יידיש (לויט מיין מיינונג, זיינען די דאָזיקע נעמען שטאַרק צוגעפּאַסט צו זייער פאָרשטעלונג אין מיין געדאַנק [?]).

4) פאַר דער ליבע און פריינטשאַפט־אויסדרוקן דאַנק איך אייך פון טיפן

* אברהם בער גאָטלאָבער (געבוירן 1811, געשטאָרבן 1899), באַוואוסטער העב־רייאיש־יידישער שריפטשטעלער, רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „הבוקר אור".

האַרצן, און פאַר דער ליבע און פריינטשאַפט גופא — אַ דאַנק אָן ווערטער. איך שעם זיך אייך צו דערציילן, אַז אייך און אייערע ווערק קאָן איך נישט פון אייערע ביכער, נאָר פון זייער איבערזעצונג אין פּויליש.* מיר איז אַ בזיון אייך צו זאָגן, אַז ביי אונדז אין שטאָט איז נישטאָ קיין איין זשאַרגאָניש ביכל און קויפן דערלויבט מיר נישט די איצטיקע שלעכטע לאַגע. דעריבער ווי נאָר איך האָב דערהאַלטן אייערע ביכער, האָב דאָס רוב פון זיי, גלייך איינגעשלונגען. אייער משפט איבער שמ"רן** (וואָס איך האָב אים נישט געקאָנט און נישט געלייענט) האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן אין פולן זין פון וואָרט, און דערנאָך האָב געקרעכצט: פאַרוואָס איז נישטאָ אַזאַ מין קריטיק אין העברייאיש, וואָס זאָל פאַרטרייבן דעם שטרוי און פּאָלאָווע פונעם שייער?

5) איך דערלויב אייך מיטן גאַנצן האַרצן צו ענדערן אין מיינע ווערק די אויסדרוקן, וואָס זיינען נישט פאַרשטענדלעך פאַר די ליטווישע און רוסישע, אָבער איך בעט אייך אַכטונג צו געבן אויף דער פערזן־מאָס, און אויב עס איז פאַר אייך נישט שווער, מיר געבן צו וויסן וועגן די ענדערונגען, ווייל דער מייסטער אַליין קאָן גיכער פאַרריכטן זיינע ווערק.

6) וועגן דעם ליד „דער דוכסל"*** האָב איך קיינמאָל נישט געהערט, זאַמעט איז נישט זאַמאָשטש.

* פּרץ האָט דאָ פאַרביטן אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש ן (מענדעלע מוכר ספרים) מיט ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש (שלום־עליכם). ער האָט געלייענט אין פּויליש — די איבערזעצונגען פון אַבראַמאָוויטשעס „מסעות בנימין השלישי" און „די קליאַטשע", וואָס זיינען געמאַכט דורך דעם באַוואוסטן פּוילישן שרייבער קלעמענס יונאָשאַ, און זיינען דערשינען אין וואַרשע אין די יאָרן 1885 און 1886.

** געמיינט שלום־עליכמס ביכל „שמ"רס משפט" (אַ קריטיק אויף שמ"רס ווערק).

*** י. ל. גאָרדאָן האָט דאַן אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען פאַרגעלייגט אָפּ־צוזוכן אַ פאָלקס־באַלאַדע „דער דוכוסל", וואָס איז געווען אַמאָל פּאָפּולער אין דער ליטע, און צו פאַרעפנטלעכן זי אין דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטהעק".

7) איך נעם אַראָפּ דעם שלייער פון מיין פּנים; איך בין איינער פון די צוויי „בעלי אספות", וואָס האָבן אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אַ בוך מיט פאַר־שיידענע שירים (איך האָב ביי זיך קיין איין ביכל נישט און געדענק נישט דאָס יאָר. דוכט מיר, אַז ס'איז דערשינען צוריק מיט אַ 15 יאָר). דער צווייטער איז געווען דער פאַרשטאָרבענער ליכטענפעלד.* אין דער זאַמלונג זיינען געווען מיינע לידער „חיי המשורר העברי"; „חנה" און נאָך איניקע קליינע לידער.** אין „השחר" האָט מען זייער געלויבט די לידער***; גאָרדאָן (דער קריטיקער פון „המגיד") האָט אויך אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, וואָס איז געווען פאַר מיר אַ לויב, נאָר דער בעל „הצפירה" (דאַן סלאָנימסקי אַליין), וואָס איז אין כעס געווען אויף ליכטענפעלדן פאַר דער קריטיק, און אויף מיר פאַר דעם קליינעם ליד „הכלב והירח", האָט ער געענטפערט צו אַן אויסגעטראַכטן פרעגער: „מיר וועלן נישט רעצענזירן דעם ספר „שירים שונים", ווייל עס איז אונטער יעדער קריטיק." אין „השחר" זיינען געדרוקט געווען איניקע קליינע לידער.**** אין „הבוקר אור"***** אַ ליד „נגניאל" און אַ ביסל פּראָזע (דער „הבוקר אור" איז דאַן דערשינען אין גאַליציע). אין „האסיף"

* דאָס בוך איז דערשינען נישט 15 יאָר צוריק, נאָר מיט 11 יאָר צוריק, אין תרל"ז—1877. דער ריכטיקער נאָמען: „ספּורים בשיר ושירום שונים" מאת שני בעלי אספות, וואַרשע, 158 קליינע זייטלעך.

3) את העוזרים על ידך הנקובים בשם ידעתי היטב; אבל סלח לי, אדוני, אם ארהיב נפשי להורות באצבע על הזקן שבחבורה — גאָטלאָבער! האדון הזה, אשר מלוא עולם הספרות כבודו, לא בא בזה על שכרו, כי אם על גמילת חסדים. האדון הזה בעל לשון ארוכה ורחבה ובעל שכל קצר... מעולם לא זכיתי למצוא בו רעיון אחד חדש... כן בלשון הקודש וכן בעברית. (לפי דעתי השמות הללו מכוונים מאד אל ציורם במחשבתי).

4) בעד אות האהבה והאחוה הנני משיב לו את תודתי מקרב לב עמוק, אולם בעד האהבה והאחוה עצמן אך דומיה תודה. לחרפה לי להעיד לך כי אותך, אדוני, ואת מפעל־ך ידעתי לא מספריך, כי אם מהעתקתם בשפת פולאנית. לחרפה לי להעיד, כי בעירנו לא אמצא גם ספר אחד זאַרגאָני ולקנות לא ירשה הזמן הרע כעת.

על כן כקבלי, כן בלעתי את מרבית ספריך. משפטך על שמ"ר [3] (אשר לא ידעתיו ולא קראתיו) המציא לי עונג־נפש במלוא מובן המלה, ואחרי כן נאנחתי: מדוע אין ביקורת כזאת בשפת עבר להוציא את המוץ והתבן מן הגורן?

5) מרשה אני בכל לבי להחליף במלאכתי את המבטאים

[2] [הכוונה להוצאת המאסף „די יידישע פאָלקסביבליאָטהעק".]

[3] [הפאמפלט הבקורתי על רומאניו של שמ"ר, בשם „שמר'ס משפט", שהוציא שלום־עליכם בקיץ ההוא.]

הבלתי מובנים לבני ליטא ורוסיא, אך זאת אבקש ממך, אדוני, לשית לבך למדת־השירים (פערזען מאַאס), ואם לא יכבד על אדוני הדבר, להודיעני אודות השינויים, כי האומן בעצמו מתקן בנקל את מעשיו.

6) מהשיר „דער דוכס'ל" [4] לא שמעתי מעולם. זאַמעט אינו זאַמושץ.

7) הנני להסיר הצעיף מעל פני. אני האחד משני „בעלי האסופות" אשר כתבו והדפיסו ספר שירים (אין לי אף ספר אחד ואיני זוכר את השנה, כמדומה לי שנדפסו זה 15 שנה). [5] השני היה המנוח ליכטענפעלד. מהקובץ הזה היו מלאכת ידי: חיי המשורר העברי, חנה ועוד מהשירים הקטנים. ב„השחר" הללו מאד את השירים; גאָרדאָן (מבקר ה„מגיד") [6] הוציא גם כן לאור משפט, אשר היה לי לתפארת, אך בעל „הצפירה" (אז סלאָנימסקי לבדו), בחמתו על ליכטענפעלד על דבר הביקורת, ועלי על דבר שיר קטן „הכלב והירח", ענה לשואל מדומה: „לא נבקר את הספר שירים שונים כי הוא תחת הביקורת". ב„השחר" נדפסו ממני איזה שירים קטנים. ב„הבוקר אור" שיר „נגיאל" ומעט פראָזאַ („הבוקר אור" יצא

[4] [י. ל. גורדון הציע בעת ההיא לפני שלום־עליכם במכתביו (הכתובים רוסית), כי יבקש וימצא בשביל מאספו בלדה עממית בשם „דער דוכסל", שגורדון שמע אותה בילדותו מפי העם בגליל זאמוט וזכר ממנה רק את החרוזים הראשונים. שלום־עליכם פנה אז בשאלה אל כל המשתתפים במאספו, אם שמעו ואם יודעים הם על־דבר הבלדה ההיא.]

[5] הספר הופיע לא „זה חמש־עשרה שנה" אלא בסך־הכול לפני אחת־עשרה שנה, בתרל"ז — 1877. השם המדויק של הספר הוא „ספּורים בשיר ושירים שונים" מאת שני בעלי אסופות, וארשה, 158 עמודים קטנים. בספר הזה נכנסו שירים עבריים חתומים בשם פ ל א"י ג"ל (גבריאל יהודה ליכטנפעלד — אביה של אשתו הראשונה של פרץ), ובשם יל"פ („בית שומם" — ספור שומר היער; „העצל" — על שנת תרכ"ג; „חנה" — שיר ספורי). על שני שירים („חיי משורר עברי", בעשרה פרקים, „השופט והמליץ") חתומים שניהם — פלא"י ג"ל ויל"פ.

[6] [דוד גורדון עורך ה„מגיד" בליק.]

פאַריקן יאָר האָב איך געדרוקט „מנגינות הזמן“,* „עיר קטנה“ (צוויי לידער) און קליינע דערציילונגען. דאָס אַלץ איז נישט געפעלן דעם קריטיקער פון „וואָסכאָד“. אין „היום“ האָב איך געדרוקט אַ קליינע נאָוועלע „הקדיש“; אין „כנסת“ ** אַ קליינעם שיר „עלמה עבריה“; אין „הצפירה“ עפּעס אַ פעליעטאָן און אַ דערציילונג „הציץ ונפגע“. צוליב אָט דער דערציילונג, וואָס די אַרויס־געבער האָבן קאַליע געמאַכט מיט צוגאָבן און מעקעכצן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די פרומאַקעס, האָב איך אויפגעהערט צו שיקן צום דרוק.*** איך האָב צוגעגרייט צום דרוק אַ העברייאישן ספר „חלום החלזון ופתרונו“, אָבער צוליב געלט־מאַנגל האָב איך אים נישט געדרוקט. — זשאַרגאָן האָב איך נאָך נישט געדרוקט און ביז אַהער פאַרברענט דאָס, וואָס איך האָב געשריבן.

8) איצט וועל איך מיר דערלויבן צו רעדן וועגן דער אַרבעט, וואָס מ'טוט בכלל פאַרן כלל. וואָס זאָגט איר וועגן די בעלי־טובות, וואָס אָנשטאָט ברויט, פלייש און וואַסער גיבן זיי דעם הונגעריקן נאַשערייען אָנצופילן דעם מאָגן און נישט מער? וואָס זאָגט איר וועגן די בעלי־טובות, וואָס גיבן אַ קאָסטבאַרן זיידן גאַרטעלע דעם נאַקעטן מענטשן, וועלכער האָט קיין שוץ נישט פון קעלט און פרעסט? טוט מען אַ גנאָד, ווען מיר גיבן עפּעס אַן אילוזיע, וואָס פאַר־בלענדט די אויגן דעם, וועמען ס'פעלט אַ דירה? און אַזוי טוען מיר דאָך איצט שטענדיק. אָנשטאָט וויסן, וויסנשאַפט, וואָס זיינען ברויט, פלייש, וואָסער, קלייד און וואוינונג פאַר דעם מענטשנס נשמה, גיבן מיר איר בעלעטריסטישע נאַשערייען און אילוזיעס!... אונדזער גאַנצע אַרבעט איז גאָרנישט ווערט, ביז מיר וועלן נישט באַרייכערן די ליטעראַטור מיט וויסנשאַפטס־ביכער. כל זמן אונדזערע ברידער וועלן נישט קאָנען זעטיקן באמת זייערע נשמות מיט דער יידישער ליטעראַטור, כל זמן זיי וועלן נישט געפינען אין דער ליטעראַטור דאָס אמתע וויסן, וועט די ליטעראַטור זיין נישט מער ווי אַן אומנוציק שפּילכל; איך האָב קיין רעכט נישט צו באַשולדיקן די, וואָס פאַרלאָזן אונדזערע שפּראַכן (אין מערצאָל). ווייל נישט יעדער מענטש איז זוכה צו זיין אַ פּאַטריאָט און ווידמענען זיין צייט פאַר דער ליבע צום פאָלק; און אויב אַ מענטש איז געצוואונגען צו אַנטוויקלען זיין פאַרשטאַנד אין אַן אַנדער שפּראַך, איז זייער ווייט צו גלויבן, ער זאָל נאָך געפינען צייט און מעגלעכקייט צו לייענען אין יידיש. אויב מיר פאַרלאַנגען פון פאָלק, עס זאָל קאָנען זיין שפּראַך, אויב די פרומאַקעס קאָנען זי, ווייל אַלע זייערע באַדערפענישן האָבן זיי אין איר, דאַן דאַרפן מיר די שפּראַך צוגרייטן אַזוי, אַז זי זאָל באַפרידיקן אויך אַלע באַ־דערפענישן פונעם משכיל. אויב מיר וועלן אַזוי טאָן, וועט דער געזעץ, וואָס פאַרהאַלט אונדזער אַריינטריט אין די שולן, זיין פאַר אונדז אַ ברכה (און אויך אַ חרפה). לויטן צושטאַנד פון די וויסנשאַפטן אין דער איצטיקער צייט איז זייער גרינג אָנהויבן צו געבן פאַרן פאָלק וויסנשאַפטס־ביכער אין אַלע געביטן און צווייגן. ווען מיין מאַטעריעלע לאַגע וואָלט מיר דערלויבט (זינט אַ צייט איז מיין פרנסה שטאַרק פאַרקלענערט און ס'קלעקט מיר נישט צום לעבן) צו פאַרשאַפן מיר העברייאישע ביכער, וואָלט איך עס פאַרווירקלעכט. אַ סך מאָל האָב אָנגעהויבן צו שרייבן אַזעלכע ווערק, און באַזונדערס פיל איך מיד צו־געגרייט צוצושטעלן ווערק פון פאָלגנדיקע וויסנשאַפטן: פסיכאָלאָגיע אָדער סאָציאָלאָגיע און אפשר אויך פיזיק. אָבער די ביכער, וואָס איך האָב, זיינען ווייניק, זיי פילן נישט אויס דעם בלויז, וואָס איך פיל, בעת איך טרעט צו צו דער אַרבעט, ווייל נישט פאַר געבילדעטע און אינטעליגענטן דאַרפן די ביכער זיין צוגעפּאַסט, נאָר פאַר די, וואָס קאָנען לייענען, און פאַר זיי קאָן איך נישט פיל מאריך זיין מיט אידייען און אַלגעמיינע געזעצן. דער עיקר זיינען פאַקטן, וואָס פאַראינטערעסירן און ציען צו דעם לעזער. —

איך אַרבעט לשמה, אָן אויסקוק אויף פאַרדינסט, איך האָב עס פריער געוואוסט און איצט ווייס איך עס נאָך קלערער, דעריבער לאָמיר נעמען און טאָן צוזאַמען אַ באמת גוטע זאַך. זייט איר דער אַרויסגעבער און איך דער שרייבער (און אפשר וועלן קומען נאָך אַנדערע אונטער דער פאָן), און מיר וועלן ווירקלעך באַרייכערן די שפּראַך. און אויב אין מיין קליינשטעטל קאָן מען דעם מאַנגל אין ביכער נישט אויסמיידן דורך לייען ביי אַנדערע, ווייל זיי זיינען פשוט נישט בנמצא, איז אין אייער גרויסער שטאָט קאָן מען זיי קריגן איבערגענוג. אין לויף פון אַ חודש־צייט קאָן איך צוגרייטן צו דעם צוועק „איינע גאַנץ פאָפּולערע פּסיכאָלאָגיע“, אויב נאָר איר וועט מיר קריגן אין

אז לאור בגאליציען). ב„האסיף“ שנה העברה הדפסתי „מנגינות הזמן“, „עיר קטנה“ (שני שירים) וספורים קטנים. כל זה לא מצא חן בעיני המבקר של ה„וואָסחאָד“. ב„היום“ הדפסתי נאָוועללע קטנה „הקדיש“; בהכנסת [7] שיר קטן „עלמה עבריה“. ב„הצפירה“ איזה פעלליעטאָן וספור „הציץ ונפגע“. ובשביל הספור הזה, אשר קלקלו המו״ל בחסר ויתיר מיראתו את היראים, חדלתי משלוח לדפוס. [8] ספר אחד עברי „חלום החלזון ופתרונו“ הכינותי לדפוס, אך מחסרון כסף לא הדפסתיו. — זאַרגאָן לא הדפסתי עוד ועד כה שרפתי אשר כתבתי.

8) עתה ארשה לעצמי לדבר דבר באזנך אודות המפעל לטובת הכלל בכלל. מה תאמר, אדוני, על בעל חסדים אשר תחת לחם ובשר ומים יתן לרעב תפנוקים למלאות ולצבות בטן ובלי החליף כח? מה תאמר לבעל חסדים אשר יתן אזור משי יקר המציאות לאיש ערום בלי מחסה ומסתר מקור וקרח? היפליא איש חסדו אם יתן איזה משכית מרהיב עינים למחוסר דירה? והלא כן אנחנו עושים כל הימים. תחת חכמה ומדע, שהם הלחם, הבשר, המים, הלבוש והדירה לנפש האדם, אנחנו נותנים להם משכיות ותפנוקי הבעלעטריסטיק!... כל פעלנו יהיה מאפע עד אשר לא נעשיר את הספרות בספרי מדע. כל זמן שאחינו לא יוכלו לרוות את נפשם באמת בספרות ישראל, כל זמן שלא ימצאו בה את הדעת האמתית, תהיה הספרות אך לשעשועים בלי מועיל; אין לי הצדקה להאשים את העוזב את שפותינו (בלשון רבים), כי לאו כל אדם זוכה להיות פאטריאָט ולהקדיש עתותיו בשביל אהבת העם: ואם מוכרח איזה איש להתפתח בשכלו בשפה אחרת רחוק מאד להאמין שימצא עוד זמן וכשרון למקרא עברית. אם נבקש מעמנו שידע את שפתו, ואם היראים יודעים אותה, כיון שכל צרכי נפשם בה, אז עלינו להכשיר את השפה, שתמציא גם למשכיל את צרכי נפשו. אם כה נעשה, החוק החדש המצר צעדינו בבתי־הספר יהיה לנו לברכה (אם גם לחרפה). — לפי מצב המדעים כעת נקל מאד להתחיל לתת לפני העם ספרי חכמה בכל הענפים והבראנזען [המקצועות]. לו הרשה לי מצבי הגשמי (זה זמן קצר אשר פרנסתי התמעטה מאד ואין בה די להחיות נפש) לקנות לי איזה ספרי עזר, כי אז הוצאתי זה מכח אל הפועל. פעמים רבות החילותי לכתוב ספרים כאלה, וביחוד רואה אני את עצמי מוכשר להגיש ספר בחכמות: הנפש (פסיחאָלאָגיע) או החברה (סאָציאָלאָגיע) ואולי גם הטבע (פהיזיק). אבל הספרים שהם אצלי אינם ממלאים את החסרון, אשר ארגיש בגשתי אל המלאכה. כי לא לחכמים ונבונים יוקדשו הספרים האלה, כי אם אך ליודעי מקרא ובשבילם לא אוכל להרבות באידעען וחוקים כוללים, והעיקר הוא עולם המעשים (פאַקטען) המזהירים את נפש האדם. —

אדוני עובד לשמה, ידעתי זאת מראש ועתה נודע לי בבירור יותר, על כן נשית יד ונעשה דבר טוב באמת. יהיה אדוני המו״ל ואני הסופר (ואולי יבואו עוד אחרים תחת הדגל הזה) ונעשיר את השפה באמת. ואם בעירי הקטנה חסרון הספרים אינו נמנה על ידי שאילה, כי אינם במציאות, הלא בעירך הגדולה תמצא די והותר. במשך חודש ימים אוכל להכין לתכלית הזאת „איינע גאַנץ פּאָפּולערע פסיכאָלאָגיע“, אם אך תמציא לי באחת מן השלש לשונות רוסית פולאנית ואשכנזית איזה ספרים כמו Wundt ודומיו. — לי אך מורעי וריבא. —

[7] [„כנסת ישראל“ של שפ״ר.]
[8] „הציץ ונפגע“ נפסק פתאום ב„הצפירה“ 1886, מס' 170. ורק במס' 193 התחיל הספור נדפס שוב, עם הערה מאת המערכת, כי „מסבת מסוימת נדחתה הדפסת המשך הספור עד היום תוה“.

איינע פון די דריי שפראַכן — רוסיש, פויליש און דייטש — אייניקע ביכער, ווי וואונדט און אַגד. — איך האָב נאָר מורעי און דיבא.

9) נאָך איין קליינע באַמערקונג: איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס פאַר־לאַנגט איר נאָר פונעם לעבן פון יידן. דאַרף דען נישט קיין פאָלק וויסן דאָס לעבן פון דעם אַנדערן פאָלק, וואָס לעבט מיט אים צוזאַמען? דאַרף מען דען נישט וויסן די אַלגעמיינע לעבנס־פאָרמען? פאַרוואָס זאָל דאָס פאָלק נישט וויסן די אַלגעמיינע פראַגן, און איר באַגרענעצט אים נאָר מיט אייגענע פראַגן? אמת, דאָס איז דער עיקר, אָבער דער תפל איז אויך נישט קיין לוקסוס־זאַך. מיר דאַרפן זיך פאַרשאַפן אַלץ. —

10) אייניקע עקז. פון אייערע ביכער וועל איך קאָנען פאַרקויפן — איך בעט צושיקן.

נאָך די צען פונקטן האָב איך דעם כבוד צו פאַרזיכערן אייך, אַז איך בין פול מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט צו אייך.

ל. פרץ.

9) עוד הערה אחת קטנה: אינני מבין מדוע מבקש אדוני אך מחיי העם, האם לא נחוץ ללאום לדעת חיי הלאום האחר אשר הוא יושב בקרבו? האם לא נחוץ לו לדעת את אופני החיים הכלליים? מדוע לא ילמד לדעת את השאלות הכלליות ותגבילוהו אך בשאלות פרטיות? אמנם הן העיקר, אך גם הטפל אינו מן המותרות. עלינו להמציא לו הכל. —

10) איזה עקזעמפלארען מספריו אוכל למכור — יאבה לשלוח.

אחרי העשרה המאמרים הללו הנני מתכבד להבטיח, כי מלא אני אהבה

ותודה לכבודו.

ל. פרץ

(פון העברעאיש)

טייערער הער!

אַז איך האָב געעפנט מיין אַלטע טעקע, האָב דאָרטן געפונען נאָך אייניקע בילדער פונעם לעבן פון אונדזער פאָלק אין פוילן, געשריבן אין פראָזע. אפשר וועלן זיי אייך געפעלן, דרוקט זיי. — נאָר דער עיקר כוונה מיט מיין איצטיקן שיקן איז — צו פאַרריכטן אַ פעלער אין מיין פריערדיקן בריוו, ווייל איך האָב פאַרגעסן צו רעדן וועגן דעם, וואָס ס׳איז זייער וויכטיק — צו געבן פאַרן פאָלק אַרטיקלען פון געשיכטע בכלל און יידישער געשיכטע בפרט. אָט די ווערטער וואָלט איך נישט געשריבן צו אַן אַרויסגעבער אַ געשעפטסמאַן, אָבער איר שרייבט און איך גלויב אייך, אַז אייער גאַנצער ווילן איז נאָר דער טובת־הכלל, ווייל איר זייט אַ פאַרמעגלעכער, דעריבער געפין איך פאַר מיין חוב אויסצודריקן פאַר אייך מיין גאַנץ באַגערן אין די טאָג־פראַגן, און אויב איר וועט געפינען אין דעם אַ נייע זאַך, אַ פּאַסנדיקע זאַך, וואָס מ׳קאָן פאַר־ווירקלעכן אין לעבן, דאַן וועל איך זיך פילן גליקלעך.

1) לויט מיין מיינונג, און איך גלויב, אַז יעדער געבילדעטער מענטש וועט מיר מודה זיין, — קעגן די אַלע, וואָס טרעטן אַרויס אינעם נאָמען פון רעאַלע פאַקטן, וואָס וואַרפן אָפ וועלכע־ס׳איז אָנגענומענע טראַדיציעס; קעגן די, וואָס זעען אין דעם קאַמף צווישן די פעלקער און יחידים דעם סוד פון אַנטוויקלונג (גומפּלאָוויטש און זיינס גלייכן), און קעגן מאַלטקע און זיינע פריינט, וואָס זייער מיינונג וועגן דעם איז באַקאַנט; קעגן די אַלע זאָג איך, — אַז יעדעס ערלעך האַרץ און גוט אויג זעען דעם צוועק פון דער מענטשהייט, דעם צוועק פון דעם מענטש בכלל און בפרט אין דער אַלגעמיינער אַסימילאַציע פון אַלע פעלקער און שפראַכן, אין דעם אויפהערן פון קריגערייען, מלחמות און שטרייטן — דאָס איז דער טרוים פון די נביאים, דער טרוים פון יעדן ריינעם האַרץ...

2) פון דער צווייטער זייט — לויט דער איצטיקער צייט, לויט דער פאַר־העלטעניש פון גיטער (געלט, פעלדער און אַנדערע ווערטן) צו די אַלע, וואָס גאַרן נאָך זיי, לויט דעם צושטאַנד פון אונדזער וויסן און פּאָליטישן פאַרשטאַנד, לויט דעם פעסטן מצב פון די פאַרשיידענע רעליגיעס, קאָן מען נישט רעדן וועגן אָט דער דערשיינונג, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס קאָן פאַרווירקלעכט ווערן היינט, מאָרגן, אָדער אין דער נאָענטער צוקונפט. פאַרקערט, מיר זעען איצט דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פון אַנדערע געדאַנקען און אידייען. מיר זעען איצט אַ פאַרדאַרבנדיקן שאָוויניזם, אַן אַנטיסעמיטיזם, וואָס פאַרכאַפּט די הערצער פון געבילדעטע און אויפגעקלערטע, און פאַרפירט די צוהערער מיט זיין לערע. מענטשן שטייען אין שפיץ פונעם דור, און אויף רעאַלע בערג הויבן זיי אויף די פאָן פון צעטיילונג און שנאה... איצט איז אָוונט, ס׳וועט נאָך קומען נאַכט, און דערנאָך, אַז ס׳וועלן ווייס ווערן אונדזערע האָר, וועט קומען אויך דער מאָרגן...

ג

[illegible] 1888

אדוני היקר!

בפתחי את שקי הישן מצאתי בו עוד איזה תמונות מחיי עמנו בפולין, כתובות פראָזאַ. אולי ימצאו חן בעיניך, הדפיסם. אולם עיקר כונתי במשלוח הזה למנות החסרון במכתבי הקודם, כי שכחתי לדבר מהנחוץ מאד. לתת לפני העם מאמרים מקורות העיתים בכלל ומקורות ישראל בפרט. את הדברים הללו לא הייתי כותב למו״ל בעל עסק (געשעפט׳ס מאַנן), אבל אדוני כותב ואני מאמין לו, שכל חפצו טובת הכלל, מפני שהוא לעצמו „מתלונן בצל הכסף״, על־כן מוצא אני את עצמי מחויב להביע לו את כל לבי בשאלת היום, ואם ימצא בזה דבר חפץ, דבר הגון להוציאו מן הכוח אל הפועל, אחשוב את עצמי למאושר.

1) לפי דעתי, ואני מאמין, כי כל איש משכיל על דבר אמת יודה לי, למרות המתימרים בשם הפועל והמעשה (פאקטען) המשליכים אחרי גום כל משפט מוקדם; למרות הרואים במלחמת תנופה של החיים בין העמים והיחידים כל סוד ההתפתחות (גומפלאָוויטש ודומיו) ולמרות מאלטקע וחבריו אשר דעתם בזה ידועה; למרות כל אלה, אני אומר, כי כל לב ישר וכל עין טובה רואים תכלית האנושית, תכלית האדם בכלל ובפרט בהתבוללות כללית של כל העמים והלשונות, בהחדל המריבות, המלחמות והקרבות. זה הוא חזיון הנביאים, זה הוא חזיון כל לב טהור...

2) מצבר השני לפי העת ההוה, לפי יחוס הטוב (הממון, השדות והכלים) אל מספר עורגיו, לפי מצבנו בהשכלה וחכמה מדינית, לפי מצבן האיתן של האמונות השונות, אי אפשר לצאת מן הכוח אל הפועל היום או מחר או גם בעתיד הקרוב אלינו ואל יוצאי חלצינו. נהפוך הוא, רואים אנחנו כעת התפתחות מחשבות זרות, מחשבות ודעות רעות, שאָוויניזם משחית לב ונפש, אנטיסעמיטיזם מעורר לבות חכמים ונבונים ומוליך שולל את השומעים בלימודים. אנשים עומדים בראש הדור, על הררי המעשים מרימים נס ההבדל והשנאה... עתה ערב, עוד יאתא ליל, ואחרי־כן כאשר ילבינו עצמותינו, יבוא גם בוקר...

3) צוויי מענטשן, אויב זייערע געדאַנקען זיינען נישט אייניק און זיי ווילן געמיינזאַם אַרבעטן, זיינען זיי מחויב יעדער איינער מוותר צו זיין אויף אַ האַלבן ווילן, כדי צו דערגרייכן אַ גלייכגעוויכט. אָבער קיינער פון זיי האָט קיין רעכט נישט צו פאַרלאַנגען פונעם צווייטן, ער זאָל מבטל־זיין זיין ווילן און נישט באַקומען דערפאַר קיין שום קרבן פון יענעמס, דעם צווייטנס ווילן. דאָס, וואָס ס׳איז ריכטיק ביי פריוואַטע מענטשן, איז אויך ריכטיק ביי פעלקער. אַסימילאַציע פון אַלע צדדים איז געוויס אַ שיינע און גוטע זאַך. צו פאַר־לאַנגען אָבער פון איין פאָלק, עס זאָל זיך אַסימילירן, עס זאָל זיין שפּייז פאַר אַנדערע, עס זאָל אַראָפּ פון דער לעבנס־אַרענע אין תהום פון נישט־זיין, איז געוויס אַ זינד און אַן אַטענטאַט, און אויב אָט דער געדאַנק גייט אַרויס פון דעם זעלבסטאָפּפערער גופא, איז עס זעלבסטמאָרד. דעריבער, כל זמן דער נאַציאָנאַלער געדאַנק לעבט צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, וועט ער לעבן אויך צווישן אונדז, און מיר זיינען מחויב און געצוואונגען (לויט דעם נאַטור־געזעץ) צו עקזיסטירן ווי אַ זעלבשטענדיק פאָלק. מיר קאָנען מוחל זיין אויף אונדזער עקזיסטענץ, כדי צו זיין אַ טייל אין כלל, וואָס באַשטייט נאָר פון טיילן, אָבער מיר קאָנען נישט צעמישט ווערן אויף אַן אַנדער אופן און איינגעשלונגען ווערן דורך אַנדערע און־ווערן פון גאָר — גאָרנישט.

4) חוץ דעם קאָן דער געדאַנק פון אַסימילאַציע איצט גאָרנישט העלפן, ווייל ס׳איז אַוועק די צייט, ווען מ׳האָט די אַסימילירטע אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

5) דעריבער, זיינען מיר קעגן אונדזער ווילן אַוועקגעשטעלט אין קאַמף, אין אָט דעם קאַמף זיינען מיר אַ קליינע מינדערהייט קעגן דעם שונא, וואָס לויערט אויף אונדז פון אַלע זייטן. אמת, אין איין זאַך האָבן מיר די אויבער־האַנט — „די גערעכטיקייט איז מיט אונדז”. זאָלן די פּראַקטישע מענטשן זאָגן וואָס זיי ווילן. „גערעכטיקייט” איז נישט קיין אַבסטראַקט־אויסגעטראַכטער געדאַנק, ס׳איז נישט נאָר אַ שיינער קלאַנג; אין אָט דעם וואָרט איז דאָ אַ וואונדערבאַרער אינהאַלט, אַן אינהאַלט אָן אַ קערפּער, אָבער ס׳איז אַ קראַפט אין אַ קערפּער, אָט די קראַפט, וואָס איז אין אונדז, זינט מיר זיינען אין גלות און וואָס לאָזט אונדז נישט אומפאַלן. אָט דאָס איז אונדזער שטאַרקייט, דאָס איז אונדזער האַרטנעקיקייט אין דעם קאַמף. אָבער אויסער דער גבורה פאַר־לאַנגט זיך אויך אַן עצה, אַ ראַט. נאָר אויב דער ראַט און די גבורה וועלן אונדז צוזאַמען באַהילפיק זיין, וועלן זיי קאָנען פאַרברייטערן אונדזערע טריט.

6) אַלע זיינען מודה, אַז איינע פון די זאַכן, וואָס באַפעסטיקן דעם נאַציאָנאַליזם, איז די שפּראַך. איך האָב שוין אין מיין פאָריקן בריוו געשריבן, אַז כדי די שפּראַך זאָל זיין אַ פעסטער זייל, איז נויטיק זי זאָל זיין אַ שפּראַך, וואָס זאָל באַפרידיקן אַלע באַדערפענישן פון די, וואָס רעדן און לייענען אויף איר, און דעריבער דורך דערציילונגען אַליין קאָן מען נישט באַלעבן די שפּראַך, קאָן מען אונדז נישט באַלעבן. די הויפּט־זאַך איז אין עפּעס אַנדערש:

7) יעדע מענטשלעכע געזעלשאַפט איז אַ קיבוץ פון איינצעלנע, פון פּרטים, וואָס פאַראייניקן זיך צו איין באַדערפעניש, וואָס באַהעפטן זיך צו איין אידייע א. אַז. וו.; כדי אָבער מעגלעך צו מאַכן די פאַראייניקונג איז נויטיק, אַז יעדער איינער זאָל וויסן צוויי זאַכן: די אַלגעמיינע באַדערפעניש אַדער דעם אַלגעמיינעם געדאַנק, און, אַז ער זאָל וויסן, אַז דאָס איז באַוואוסט אויך אַלע איינצעלנע. אַ שטאַרקער הונט פאַר זיין האַרס הויז — דאָס איז אַן אַקט פון גערעכטיקייט; אַ פייגל, וואָס ווערט געמונטערט צווישן די פיל פייגל — דאָס איז דער געדאַנק פון אחדות. און דאָס איז דער צוועק, וואָס מיר דאַרפן זיך שטעלן ביי היינטיקן טאָג: אַריינצוברענגען דעם באַוואוסטזיין פון כלל און פּרטים אינעם געוויסן פון יעדן פּרט באַזונדער... אויב יעדער פון אונדז וועט וויסן, מיט וואָס ער איז אַ ייד, אויב ער וועט וויסן, וויפיל פון זיינע ברידער וויסן און זיינען באַהעפט דורך אָט דעם באַוואוסטזיין, דאַן וועט אָט דער

3) שני אנשים אם דעתם אינה אחת וחפצם להשתתף, מחויבים הם למחול כל אחד על חצי רצונו, למען בוא אל השווי. אבל אין לאחד מהם הצדקה לבקש מאת רעהו לבטל את כל רצונו מבלי קבל בעד זה קרבן מרצון זולתו. מה שהוא אמת אצל אנשים פרטיים הוא אמת אצל העמים. ה ת ב ו ל ל ו ת מכל הצדדים הוא דבר טוב ויפה. לבקש מעם אחד להתבולל, להיות לאחרים למאכל, לרדת מעולם החיים אל תהום הנשיה, הוא עוון ומעשה רצח, ואם המחשבה הזאת יוצאת מקרב המקריב בעצמו הוא אבוד עצמו לדעת. על־כן כל זמן שהרעיון הלאומי חי בקרב העמים כולם יחיה גם בנו ומחויבים ומוכרחים אנחנו (על־פי חוק הטבע) להתקיים בתור עם עומד בפני עצמו. נוכל למחול על קיומנו עצמנו למען היות חלק בתוך הכלל הכולל אך חלקים, אך לא נוכל להתבולל במובן אחר ולהבלע על־ידי אחרים ולשוב מן היש אל האין.

3) [1] מלבד זה רעיון ההתבוללות הוא עתה ללא הועיל כי עבר הזמן שקבלו את המתבוללים ביד פתוחה...

4) לפי זה ובלי רצוננו עומדים אנחנו למלחמה. במלחמה הזאת אנחנו מעט מזעיר מן השונא החונה עלינו מכל עבר. אמנם בדבר אחד ידינו על העליונה: „אתנו הצדק”. יאמרו אנשי המעשה מה שלבם חפץ, „הצדק” הזה איננו רעיון רוח, איננו צלצול בלבד; בהשם הזה תוך נפלא, תוך שאיננו גוף אבל שהוא כוח בגוף, הוא הכוח אשר בנו מיום גלותנו ואשר לא יתן לנו לנפול. זאת זאת גבורתנו, זה הוא קשי ערפנו במלחמה הזאת. אבל מלבד הגבורה נחוצה גם עצה. אך העצה והגבורה אם יבואו לעזרתנו יחד תוכלנה להרחיב צעדינו.

5) הכל מודים כי אחד מהדברים המחזיקים את הלאומית היא הלשון. כבר אמרתי במכתבי הקודם, כי למען שתהיה הלשון לעמוד ברזל נחוץ שתהיה לשון, הממציאה למדברים בה ולקוראיה כל צרכי הנפש ועל־כן הספורים בלבד אם יוכלו להחיות את השפה מעצמה, לא יחיו אותנו. אבל העיקר בדבר אחר:

6) כל חברה אנושית הוא כלל פרטים, המתאחדים לצורך אחד, המצטרפים בדעה (אידעע) אחת וכו׳. למען אפשרות האחדות נחוץ שידע כל פרט שני דברים: את הצורך הכללי או את הדעה הכללית, ושידע שזה נודע לכל המון הפרטים. כל כלב חזק לפני בית אדוניו, זה הוא רעיון הצדקה; כל צפור מתעודדת בהמון הצפרים, זה הוא רעיון האחדות. וזאת היא המטרה אשר לנו להעמיד כיום: להביא דעת הכלל והפרטים בלב כל פרט ופרט... אם ידע כל אחד מאותנו מה הוא עברי, אם ידע כמה מאחיו יודעים ונכללים בדעה הזאת, אז הדעת תכפל

[1] [טעות היא מצד פרץ: הסעיף הזה צריך להיות מסומן במספר 4, והסעיפים הבאים — 5, 6, 7, 8. כמו כן השתמש פרץ שתי פעמים במספר 6.]

באוואוסטזיין ווערן געכופלט אויף דער צאָל פּרטים, וועלכע לעבן איצט. און אויב יעדער וועט וויסן דאָס, וואָס ס'האָט געטראָפן מיט זיינע ברידער אין אַלע דורות, דאַן וועט דער באַוואוסטזיין ווערן געכופלט לויט דער צאָל פון די דורות. דער אַלגעמיינער וויסן און באַוואוסטזיין אין רוים פון אַלע ערטער און אַלע צייטן קאָן אונדז ביישטיין אין די שווערע, פינצטערע טעג. —

8) די מענער האָבן צוויי שפּראַכן — יידיש און לשון קודש. פרויען האָבן נאָר איין שפּראַך, און זיי דאַרף מען שענקען מער אויפמערקזאַמקייט. דאָס רוב פרויען גייען אַרום ליידיק, אָן וואָסער ס'איז באַשעפטיקונג. שטענדיק זיינען די פרויען די ערשטע צו אַסימילירן זיך און אָפּצולערנען זיך פון זייערע קריסטלעכע חברטעס. יעדער מענטש האָט זיך זיינע גייסטיקע באַדערפעניש, און אויב די גייסטיקע באַדערפענישן פון דער יידישער פרוי ווערן נישט באַפרידיקט אין דער היים, לערנט זי זיך ביי פרעמדע און דורך פרעמדע. אָט די פרויען, וואָס זיינען פאַר אונדז שטענדיק אַ שטרויכלונג און פּלאָג, קאָנען מיר פאַרוואַנדלען אין מיטהעלפער ביי דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. ס'איז זייער גרינג צו רעדן צו איר, ס'איז זייער גרינג אויסצולערנען זי נוצלעכע זאַכן און בפרט געשיכטע. אויב יעדע יידישע פרוי וועט וויסן פאַרוואָס זי איז אַ יידישע, אויב זי וועט פאַרשטיין, אַז זי האָט אויף זיך פיל אַנדערע חובות אויסער די דריי מצוות, דאַן אין דעם באַוואוסטזיין, אַז זי טראָגט אויף זיך אַ באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועט זי געפינען אַ שוץ און אַ שטיץ־פּונקט פון די אַלע שלעכטע געדאַנקען, וואָס זי פאַלט אַריין ביז איצט אין זייער נעץ.

דעריבער:

ס'איז זייער וויכטיק צו געבן פאַר די פרויען אַרטיקלען פון דער יידישער געשיכטע, און אַזוי ווי דאָס רוב לייענער זיינען פרויען — איז עס דער עיקר־צוועק.

און איך בין אייער פאַרערער

ל. פּרץ.

77

צו שלום־עליכם

(פון העברייאיש)

איך בין אַריינגעפאַלן פון אַ נעץ אין אַ גרוב אַריין... לכתחילה האָב איך זיך מיט חרפּה מודה געווען, אַז איך קאָן אייך און אייערע ווערק בלויז דורך די פּוילישע איבערזעצונגען, און איצט מוז איך נאָך מיט מער חרפּה זיך מודה זיין, אַז ס'איז אַ טעות, ווייל איך האָב אייך פאַרביטן אויף אַבראַמאָוויטשן,

וואָס זיין „קליאַטשע" און „מסעות בנימין השלישי" זיינען איבערגעזעצט אין פּוילישן, און זייט מיר מוחל. דאָך צווייפל איך נישט, אַז אין איינעם פון די נומערן „פּראַוודאַ" אָדער „פּשעגלאָנד טיגאָדניאָווי" האָב איך געלייענט וועגן דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און דערביי זייט איר דערמאָנט. אָבער צום באַדויערן קאָן איך נישט געפינען די נומערן, ווייל נאָר איך איינער באַקום זיי, און לייענער האָב איך פיל, און נאָר איין נומער פון צען קערט מען מיר אום צוריק, און דאָס אויך אַ צעריסענעם.

נישט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה וועגן דער פּראָזע, וואָס איך האָב געשיקט, שיק איך נאָך און נאָך „אַ שטיין צו אַ שטיין, אַ מאָס צו אַ מאָס". —

די נאָוועלן און דאָס, וואָס ס'איז בייגעלייגט דערביי, האָב איך געשריבן מיט איין מאָל (איך האָב געלייענט און מיין געהילף האָט געשריבן) און איך האָב פון זיי קיין קאָפּיע נישט. דעריבער, אויב זיי געפעלן אייך נישט, שיקט עס מיר אָפּ צוריק.

און איך בין אייער פאַרערער

ל. פּרץ.

לפי מספר הפרטים החיים כעת. ואם ידע כל אחד את הקורות את אחיו בכל הדורות, אז תכפל הדעת המוכפלת לפי מספר הדורות! הדעת הכללית בשטח כל המקום וכל הזמן הוא תוכל לעמוד לנו בימי החושך.

6) לגברים שתי שפות, עברית[2] ולשון הקודש, ולנשים שפה אחת ואליהן נחוץ לסופרי עברית לשית לב. מרבית הנשים הולכות בטלות מבלי עסק וענין לענות בו. תמיד הנשים [הן] הראשונות להתבולל וללמוד אל דרכי רעותיהן הנוצריות. לכל איש צרכי נפש, ואם צרכי הנפש העברי אינם מתמלאים בבתינו לומדת היא מאחרים ועל־ידי אחרים. את הנשים הללו, אשר תמיד הן לנו למכשול ולפוקה, נוכל בנקל להפוך לעוזרים על ידינו במפעל הלאומי. לדבר אליה נקל מאד, נקל מאד ללמדה דברים טובים ומה גם קורות הימים. אם תדע כל עבריה במה היא עבריה, אם תבין, כי חובות רבים עליה מלבד שלוש המצוות, אז בהרגש, אשר יתר שאת לה בו תמצא מחסה ומסתר מהרהורים הרעים אשר תפול ברשתן עד היום.

על־כן:

נחוץ הוא מאד לתת בשביל הנשים מאמרים מקורות בני־ישראל. ולפי שרוב הקוראים נשים הם — זה הוא עיקר המטרה.

והנני מוקירו

ל. פרץ

ד

22 ביולי 1888.

נפלתי מן הפח אל הפחת... ראשונה הודיתי בחרפה,[1] כי לא ידעתי אותך ולא את פעולתך כי אם מן העתקות בשפת פולין, ועתה עלי להודות בחרפה יתירה, כי גם זה משגה, כי נחלפת

[2] כנראה טעות. וצריך להיות אידית.
[1] ראה מכתב ב', בחלקו הראשון.

לי, אדוני, באברמוביץ אשר הקליאטשע שלו ומסעות בנימין השלישי נעתקו לשפת פולין, ולך הסליחה.[2] בכל זאת לא אפונה, כי באחד העלים של המכתב־עתי Przegiąd Tygodniowy או Prawda קראתי אודות הליטעראַטור הזארגאָנית ושם נזכרת, אולם למורת רוחי לא אוכל למצוא את העלים, כי אך אני האחד מקבל אותם והקוראים אצלי רבים ואף נומר אחד מעשרות שבים אלי. וגם הם קרועים.

מבלי חכות על תשובתך בנוגע להפראָזע אשר שלחתי, הנני מוסיף ושולח „אבן ואבן איפה ואיפה". —

את הנאָוועללען ואת הרצוף בזה כתבתי בבת אחת (אני קראתי ועוזרי כתב) ואין לי העתק מהם, על־כן אם לא ימצאו חן בעיניך, השיבם בטובך.

והנני מוקירך ומכבדך —

י. ל. פרץ

(פון העברייאיש)

מיין הער!

אין אייער קורצן בריוו שרייבט איר, אַז איר האָט געפונען גוטע שטעלן און שלעכטע שטעלן אין מיין שיר, און ער וועט קאָנען געדרוקט זיין נאָר „מיטן תנאי, אויב איך וועל מסכים זיין אויף די באַדינגונגען און אָפּמאַך, וואָס איר האָט געשריבן צו אונדזער פריינט דינעסאָן", און פון צופיל אַרבעט האָט איר פאַרגעסן, אַז איך בין קיין נביא נישט צו וויסן די באַדינגונגען און אָפּמאַך, און איך קאָן נישט דעריבער מסכים זיין, צי נישט. אָבער ווי אַ ייד וועל איך פּרוּוון אַריינצודרינגען אין דעם געדאַנק דורך „אָנשטויסן זיך", — אויב עס זיינען דאָ גוטע און שלעכטע שטעלן, האָט איר געוויס געוואָלט אָפּצוטיילן די שלעכטע פון די גוטע, און די באַדינגונגען און דער אָפּמאַך איז — צו געבן אייך אַ דערלויבעניש צו מאַכן ענדערונגען. אויב אַזוי, הגם איך בין ניט מסכים דערויף סתם אָן קיין שום באַדינג, רעכן איך, אַז מיר וועלן קומען צו אַ פּשרה.

איר זייט געוויס גערעכט, אַז דער אַרויסגעבער טראָגט אחריות בנוגע צו די לעזער פאַר די אַרטיקלען און שירים, וואָס ער גיט זיי, און ער טראָגט אחריות בכלל פאַרן גאַנצן בוך, אָבער אויך דער שרייבער האָט דאָס רעכט אָפּצוהיטן זיין כבוד פאַר די לעזער, און אויב דער אַרויסגעבער וועט מאַכן ענדערונגען, וואָס געפעלן נישט דעם שרייבער און וואָס לויט זיין (דעם שרייבערס) מיינונג פאַרדאַרבן זיי גאָר זיין ווערק, וועט דאָך דער שרייבער פילן אַ שטאַרקן אינערלעכן ווייטיק, דעריבער באַדאַרפט מען האָבן דעם הסכם פון ביידע צדדים.

דעריבער קערט מיר אום מיין שיר מיט די באַמערקונגען אין דער זייט, וואָס איבערצולאָזן און וואָס אויסצומעקן, וואָס צו פאַרריכטן און וואָס צו פאַר־בייטן אַנדערש א. אַז. וו., און איך וועל אַליין זען, צי איך קאָן טאָן ווי איר שרייבט.

פון מיין נאַטור, האַלט איך, בין איך אַ מענטש, וואָס כ'בין מודה אויפן אמת, און ווי איך האָב איך דערקענט פון אייערע בריוו, זע איך ניט, איר זאָלט האָבן אַן אַנדער געשמאַק, וואָס זאָל זיך פאַנאַנדערגיין פון דעם אַלגעמיינעם און פון מיין אייגענעם געשמאַק. דעריבער האָף איך אויפריכטיק, אַז מיר וועלן קומען צו אַ פּשרה.

אויב אָבער איך האָב זיך שלעכט „אָנגעשטויסן", בעט איך אייך צו באַלויכטן מיר מיין פינצטערניש און מיר מיטטיילן, וואָס איר האָט געשריבן צו דינעסאָנען וועגן מיר.

סיי מיין שיר וועט זיך יאָ דרוקן און סיי נישט — זיינען מיר דאָך מענטשן ברידער פון איין מלאכה, און אונדזערע מיינונגען, אַפילו אויב זיי זיינען פאַר־שיידענע, וועלן אונדז נישט שטערן צו שליסן אַן אַנדער אָפּמאַך, ווייל איך האָב פיל. —

פאַרוואָס ענטפערט איר מיר נישט, צי איר ווילט אַ גרויסע דערציילונג (בערך צו די זייער קליינע) מיטן נאָמען „די שטיממע". דינעסאָן האָט עס געלייענט און עס איז נאָך ביי אים.

איך פאַרער אייך
ל. פּרץ.

79

צו שלום־עליכם

(פון העברייאיש)

די מתנה * האָב איך באַקומען, אייער בוך איז באמת אַן אוצר מיט אַלדאָס גוטס.

אייער פאַרערער
ל. פּרץ.

* דער ערשטער באַנד פון שלום־עליכמס „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק".

ה

אדוני!

[בלי תאריך]

אומר אתה במכתבך הקצר, כי מצאת דברים טובים ודברים רעים בשירי, ויוכל לבוא בדפוס אך ב„אופן אם תסכים על האופנים והברית אשר כתבתי לידידנו דינעסאָן", ומרוב עבודה שכחת, כי לא נביא אנוכי לדעת מה הם האופנים והברית

[2] פרץ החליף כאן את רבינוביץ (שלום־עליכם) באברמוביץ (מנדלי מוכר־ספרים). בודאי נתכוון לשני ספרים של מנדלי, שקרא בתרגום פולני: „מסעות בנימין השלישי" ו„סוסתי". התרגומים הללו נעשו בידי הסופר הפולני הנודע קלעמענס יונושאַ, והופיעו בוואַרשה בשנים 1885 ו־1886.

הללו ולא אוכל להסכים או לא. אמנם ככל בני ישראל אנסה לרדת סוף דעתך על־פי „נגיחה" [1] — אם ישנם דברים טובים ודברים רעים, בלי ספק חפץ המו"ל [2] לזרות הרעים מן הטובים, והתנאים והברית הם לתת לך, אדוני, כוח הרשאה לעשות תיקונים. אם כן, אף כי לא אסכים לזה בלי כל תנאי, אדמה כי נוכל להתפשר.

אדוני אמנם בצדקו, כי ערב הוא המו"ל בפני קהל הקוראים בעד טיב המאמרים והשירים שהוא נותן לפניהם, והוא ערב בעד טיב הספר בכלל, אבל גם הסופר בעצמו יש לו הצדקה לבקש שמירת כבודו בפני קהל הקוראים, והיה אם יעשה המו"ל תקונים אשר לא ימצאו חן בעיני הסופר ואשר לפי דעתו יחבלו את מעשי ידיו, הלא אז בצדק ירגיש הסופר כאב גדול, כאב נפש ולב. על־כן נחוצה הסכמת שני הצדדים.

יאבה על־כן המו"ל להשיב לי את שירי וההגהות בצדו, לאמור: את זה עזוב וזרה הלאה, זה תקן באופן זה, את זה סרס וכו', ואני אראה אם אוכל לעשות כדבריך.

מטבעי, אדמה, שאני מודה על האמת, וכפי שהכרתיך, אדוני, ממכתביך, אינני רואה שתהי לך הבנת היופי שונה מאד מהכללית ומהבנתי הפרטית, ועל־כן בצדק אקווה כי נבוא לידי פשרה.

אמנם [אם] לא כיוונתי לדעתך ב„נגיחתי" זאת, ראה בטובך להאיר חשכי ולהודיעני מה כתבת לדינעסאָן אודותי. —

בין שיודפס שירי זה ובין שלא יודפס הלא אנשים אחים בני מלאכה אחת אנחנו, ודעותינו, אם תהיינה שונות, לא תפריעונו מלבוא בברית אחרת, יש לי רב. —

מדוע לא תענני אם תאבה ספור גדול (בערך אל הקטנים

[1] מיידיש: אָנשטויסן זיך, כלומר — לנחש.
[2] שלום עליכם היה אמנם גם המו"ל, אבל הכונה כאן, כמובן, העורך, וכן להלן.

מאד) בשם „דיא שטיממע". קרא אותו דינעסאָן והנו עוד אצלו. —

והנני מוקירך ומכבדך.
ל. פרץ

ו

2 במרץ 1889

התשורה [1] קבלתי. ספרך הוא באמת אוצר מלא כל טוב.
מוקירו ל. פרץ

אויב עס איז נאָר מעגלעך, בעט איך אייך אומצוקערן מיר דעם כתב־יד „מאָניש".*

הנ"ל.

(פון העברייאיש)

געערטער הער!

איך פאָלג אייך און שיק אייך דעם שיר,** און אָט איז די הקדמה.

דער שיר איז דאָס ערשטע בוך פון אַ גרויסן ווערק. עס איז כמעט אַ זאַך פאַר זיך און ס'וועט קאָנען געפעלן די פאַרשטענדיקסטע לעזער.

דער צוועק פון דעם גאַנצן ווערק איז — אַדורכצופירן אונטער דער קריטיק און צושטעלן צום שאַנד־סלופּ אַלע גדולי־הדור, די אָנגעזעענסטע חסידים, מתנגדים, סוחרים, די בעלי־צדקה און בעלי־טובות און אויפדעקן דעם פאַרעיפּושטן קוואַל, וואָס פון אים שעפּט אונדזער לעבן. און דאָס האָף איך צו טאָן אויף אָט דעם אופן:

דער משורר, אַ מענטש, וואָס איז אַ בריה צו שרייבן און צו דיכטן דורך פאַרשיידענע מאַנירן לויט פאַרשיידענע שולן און וועגן אין דיכטונג, וויל שאַפן אַן אָרט און אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור פאַר זיין ווערק. אין זיין קליינשטעטל טשאַכנאָיוקע, הגם די מענער זיינען בעלי־תורה און די פרויען זיינען פרומע, הגם זיי זיינען גוט צו גאָט און צו לייטן, געפינט ער נישט, וואָס ער זוכט. דער העלד פון דער פּאָעמע דאַרף זיין אַ לעבעדיקער מענטש, אַ געזונטער, מונטערער און אַקטיווער. און אין זיין קליינשטעטל איז דאָס לעבן קיין לעבן נישט, די פרויען פאַרנעמען זיך אין קיך, די מענער ווערן אַלט פאַר דער צייט, און נאָך איידער עס שיינט־אויף פאַר זיי די יוגנט־זון, ווערן זיי פאַריאָכט און וועלקן ווי אַ קיקיון דיונה. ער דאַרף דעריבער אַוועקפאָרן קיין בובערניק, אין דער השכלה־שטאָט, דאָרט האָט ער אַ פעטער מיט אַ מומע, דאָרט וועט ער פאַרברענגען אַ צייט, ביז ער וועט זיך באַקענען מיט דער געזעלשאַפט און וועט זיך אויסקלייבן אַ „העלד". ער האָט טאַקע דאָרט דערזען אַ יונגנמאַן, אַ שיינעם און אַ פיינעם, און זיין אויסערלעך אויסזען (קיין אינערלעכע וועלט האָט ער נישט) האָט צוגעצויגן דאָס האַרץ פונעם דיכטער, אָנצוקווענען פון דעם סאַלאָנען־גלאַנץ, — אָבער פּלוצים האָט זיך פאַר אים באַוויזן דער לאַקיי, און דער דיכטער קוקט, און ער ווייסט נישט דעם אונטערשייד צווישן דעם יונגנמאַן, דעם העלד אין די אויגן פון דער גאַנצער חברה, דעם ליבלינג פון פרויען און פריילינס, און דעם לאַקיי. ביז אַהער איז דער ערשטער טייל.

דערנאָך קומען אַנדערע געזעלשאַפטן: שרייבער, קריטיקער, בעלי־טובות און אַנד. און אַזוי ווי עס פאַלט אַראָפּ דער שטערן פון דעם מסחר־הימל, אַזוי אויך פאַלן די איבעריקע שטערן. און איך רעכן, אַז דאָס וועט פאַר אייך נישט זיין קיין אָפּהאַלט, און איר וועט קאָנען דרוקן דעם ערשטן טייל און צוגעבן אַ באַמערקונג, אַז דער המשך וועט קומען. און מען קאָן דאָך נישט דרוקן אַזאַ גרויס ווערק מיט איין מאָל, און אַזוי ווי איך גלויב און בין בטוח, אַז די „פאָלקס־ביבליאָטעק" וועט נישט אונטערגיין און וועט וואָס־ווייטער אַלץ מער אַריינדרינגען אין פאָלק, אַזוי שטעל איך מיר פאָר, אַז אויך איר גלויבט אין דעם.

* ווי באַקאַנט, האָט שלום-עליכם געענדערט איניקע שטעלן אין „מאָניש", איניקע אַרויסגעוואָרפן און איניקע צוגעשריבן. פּרץ איז דערפון געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, און אין 1892 האָט ער אַרויסגעגעבן „מאָניש" ווי אַ באַזונדער ביכל מיט פאָלגנדיקער צושריפט: „געדרוקט אין „פאָלקס-ביבליאָטעק", האָט די באַלאַדע געליטן פון רעדאַקטאָרס שער און פעדער. די געקרענקטע אייגן-ליבע האָט מיך באַוואויגן זיי איבערצושרייבן, און גוטע-פריינט איבערצודרוקן." (י. ל. פּרץ, פּאָעזיע, צווייטעס העפט, מאָניש [באַלאַדע], וואַרשע, תרנ"ב [1892], 40 זייטלען.)

** לויט דוד פּינסקי, האָט פּרץ אָנגעשריבן דאַן אַ גרויסע פּאָעמע „וואו נעם איך אַ העלד?" געשריבן אין דעם סטיל פון בייראָנס טשאַילד האַראָלד" און אין דער בייראָנישער שטימונג. די פּאָעמע איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן, און, ליידער, פאַרלוירן געגאַנגען.

אם אין זה מן הנמנע, אבקש מכבודו להשיב לי בהחזרה את כתב ידי „מאָניש".[2]

הנ"ל

ז

אדוני הנכבד.

הנני עושה כדבריך ושולח לך את השיר.[1] וזאת ההקדמה:

השיר הזה הוא ספר ראשון מחבור גדול, אף כי הוא כמעט דבר בפני עצמו ויוכל למצוא חן בעיני הקוראים המבינים.

תכלית כל החבור הוא להעביר תחת שבט ולהציג אל עמוד הקלון את ג ד ו ל י הדור, מגדולי החסידים, המתנגדים, הסוחרים, בעלי הצדקות והטובות ולהוכיח את המעיין הנרפש אשר ממנו נובעים החיים שלהם. וזאת אקוה לעשות באופן כזה: המשורר בעל לשון להמליץ ולשיר, בעל תחבולות שונות, על־פי כל הדעות (שולען) וכל הדרכים בשיר, חפץ להציב לו יד ושם בעולם הספרות על־ידי פואמה גדולה. נחוץ לו על־כן לבקש לו גבור שיהיה לנושא ספרו. בעירו הקטנה טשאַכנאָוקע, אף כי הגברים בעלי תורה והנשים צנועות, אף כי תמימים הם עם אלהים ואדם, לא ימצא את מבוקשו. טבע הגבור של פואמה מחייב שיהיה הנושא איש חי, בריא אולם. איש פועל. והנה בעיר הקטנה החיים אינם חיים, הנשים מבשלות, האנשים בלים בלא עתם וטרם יזרח עליהם שמש העלומים כבר הובא בעול צנארם והם נובלים כקיקיון דיונה. נחוץ לו איפוא לנסוע לבובערניק עיר ההשכלה. שם יש לו דוד ודודה, שם ישב ימים, עד אשר יכיר את החברה ויברור לו „גבור". אמנם הכיר וראה עול ימים, יפה תואר ויפה מראה, ו ה ח י צ ו נ י ו ת (כי פנימיות אין) לקחה את לב המשורר ליהנות מהמאור של הסאַלאָנען — והנה פתאום הופיע לפניו המשרת של החברה [לאקיי] והמשורר רואה ואינו יודע עוד את החילוק בין העול ימים הגבור בעיני כל החברה, תאות נפש נשים ועלמות, והלאקיי. עד כאן החלק הראשון.

אחרי־כן יבואו חברות אחרות: סופרים, מבקרים, בעלי טובות וכו'. כנפול הכוכב משמי המסחר, כן יפלו כוכבים אחרים, ואדמה כי זה לא יעמוד לך לשטן ותוכל להדפיס חלק ראשון ולהעיר כי ההמשך יבוא. ואמנם אי אפשר להדפיס ספר גדול כזה בפעם אחת. וכיון שאני מאמין ובטוח כי הפאָלקס־

1 [הכונה להכרך הראשון „די יודישע פאָלקסביבליאָטהעק", שיצא בימים ההם ובו נדפסה הפואימה „מאָניש" של פרץ.]

2 נתברר כי שלום־עליכם שינה כמה מקומות ב„מאָניש", בכמה מקומות השמיט ובכמה מקומות הוסיף משלו. פרץ התרעם על־כך ביותר, ובשנת 1892 הוציא את „מאָניש" כספר מיוחד עם הערה זו: „מודפסת ב„פאָלקס ביבליאָטהעק", סבלה הבלדה הרבה מן המספרים של העורך ומעטו. אהבת־עצמי שנפגעה עוררה אותי לכתוב אותה מחדש, וידידים טובים — להדפיסה מחדש". ווארשה, תרנ"ב (1892). 40 עמודים.

לאחר שנים שב פרץ לעבוד על „מאָניש", ובכתבי פרץ ביידיש נמצאים שלושה נוסחאות שונים מן הבלדה הזאת, והנוסחאות שונים זה מזה הרבה, בצורה בעיקר.

1 לפי שמספר דוד פינסקי, כתב פרץ בימים ההם פואימה גדולה בשם „וואו נעם איך אַ העלד?" (מהיכן אקח גבור?), בסיגנון של „טשאילד הארולד" לביירון ובהלך־הנפש הביירוני. הפואימה לא נגמרה, וגם החלק הכתוב אבד.

און נאָך. איך ווייס נאָך נישט, צי דער שיר וועט אייך געפעלן, איך וויל זיך פאַרענטפערן פאַר דעם אופן, ווי ער איז געשריבן. אַז „מאַניש״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָב איך באַקומען פיל לויב־בריוו, אָבער די אַלע, וואָס האָבן געלויבט, האָבן באַמערקט, אַז דאָס פאָלק פאַרשטייט נישט „מאַניש״. און אויב אַזוי — צו וואָס טויג עס? אָבער איך נעם עדות אונדזערע מאַסן, אַז אויב זיי פאַרשטייען נאָר לויט זייער פאַרשטאַנד, דערפאַר אָבער פילן זיי די שיינקייט, דעם גייסט, וואָס שוועבט איבערן שיר, און דאָס איז דאָך דער צוועק פונעם שיר — נישט אויסצודריקן דורך מליצות דאָס באַקאַנטע, נאָר אויפצודעקן נייע הימלען, צו שאַפן פאַרן פאָלק נייע באַגריפן, אַריינצודרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען, און נישט איבערדערציילן דאָס אַלטע און פאַרעלטערטע. דער לעזער באַדאַרף טאַקע לייענען איין מאָל און אַ צווייט מאָל, אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, אָבער וואָס מער ער וועט לייענען, וועט ער אַלץ מער פילן, אַלץ מער פאַרשטיין — און דאָס איז דאָך די אויפגאַבע!

אַז מיר ווילן אַריינברענגען נייע געדאַנקען, מוזן מיר געבן אויך נייע פאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פאַסט זיך נישט צו צום נייעם. די אויסדרוקן זעען אויס לכתחילה פרעמד, אָבער סוף־כל־סוף וועלן זיי אַריינדרינגען ווי וואַסער אין דעם לעזער און וועלן באַרייכערן זיין פאַרשטאַנד. דעריבער האָב איך זיך נישט געמיט צו באַשרענקען מיינע געדאַנקען און באַגרענעצן זיי מיט די אויסדרוקן פון המון. פאַרקערט, איך האָב זיך געווענדט נישט צו זיין שפּראַך, נאָר צו דער שפּראַך, וואָס דריקט אַמשטאַרקסטן אויס דאָס פילבאַרע, און דער לעזער, וואָס איז נישט געבילדעט, זאָל זיך אויסבילדן. כדי צו פאַרגרינגערן אים דאָס לערנען, קאָן איך פאַרטייטשן מיט באַמערקונגען די ווערטער, וועלכע זיינען אים נאָך פרעמד.

איך קוק נישט אויפן „זשאַרגאָן״ ווי אויף אַ כלי שני און נישט ווי אויף אַ פאַרמיטלונג, וואָס גייט אַריבער. איך וויל, עס זאָל ווערן אַ שפּראַך, און דעריבער באַדאַרפן מיר פאַרברייטערן און פאַרמערן אירע אוצרות און צוגעבן יעדע רגע אַלץ־נייע אויסדרוקן, אַז דער שרייבער זאָל נישט זאָגן, מיר איז ענג דאָס אָרט...

און נאָך: אויב דאָס, וואָס כ׳האָב געשיקט, וועט אייך געפעלן, טיילט מיר מיט און קערט עס מיר אום, כדי איך זאָל מאַכן נאָך ענדערונגען. עס זיינען דאָ פאַרדרייטע שטעלן, פאַראַן מטושטשע בילדער, נישט אומעטום איז דער פערז געלונגען. אָבער אַזוי ווי איך פאָר אָפּ אויף עטלעכע טעג פון דער־היים, וועט איר האָבן צייט איבערצולייענען מיין אַרבעט. אויך דאָס דאַרף מען צוגעבן, אַז דער איבערשרייבער איז אַ גראָבער יונג, און זיינע טעותים און גרייזן זיינען פעסטע.

קאָן זיין, אַז דער שיר וועט אייך נישט געפעלן, דאַן, זייט אַזוי גוט און קערט מיר אים גלייך אום, — ווי נאָר איר וועט אים איבערלייענען ביזן סוף. איך האָב רעכט צו פאָדערן עס צוליב די הוצאות, וואָס איך האָב אויסגעגעבן אויף איבערצושרייבן. ביי אונדז קאָסט איבערשרייבן יידיש זייער טייער. איך האָב באַצאָלט אַ צען רובל.

איך בין אייער פאַרערער

ל. פרץ.

איך האָב ביי זיך גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, שיקן זיי? פיל פון זיי זיינען אָנגענומען אין „הויז־פריינד״ און אַ טייל פון זיי וועלן זיך אויך דרוקן אין פ״צ.*

הנ״ל.

ביבליאָטעק לא יסוף ויוסיף לחדור אל לבות העם, כן אתאר לי אותך אדוני כמאמין בזה.

עוד זאת. אינני יודע עוד אם ימצא השיר חן בעיניך, אך חפץ אני להצטדק על דבר אופן כתיבתי. כאשר הודפס המאָניש קבלתי מכתבי תהלה רבים וכן שלמים, אך כל המריעים וכל המהללים העירו, כי לא יובן המאָניש מאת העם: ואם כן — למה זה אנוכי? אולם מעיד אני עלי את כל ההמון אצלנו, כי אם מ ב י נ י ם הם אך לפי ערכם, הם מ ר ג י ש י ם את היופי, את הרוח המרחף על־פני השיר, וזאת תכלית השיר. לא להביע במליצות את הנודע, כי אם לפתוח שמים חדשים, לברוא להם מושגים חדשים, לחדור אליהם ברעיונות מקדימים, ולא לספר את הישן והנושן. אמנם הקורא צריך לקרוא אחת ושתים, שנית ושלישית, אך כאשר יוסיף לקרוא, יוסיף להרגיש, יוסיף להבין, וזאת התעודה!

כאשר נאֹבה להביא אל הלב רעיונות חדשים, כן מוכרחים אנחנו לתת גם צורות חדשות, מבטאים חדשים, כי שִׂמלת הנושן לא תֵיטב על החדש. המבטאים הללו זרים הם לראשונה, אך סוף כל סוף יבואו כמים בקרב הקורא ויעשירו את כוח מבינותו. לתכלית זאת לא נדחקתי לקמץ את מחשבתי ולצמצם אותה בכלי המבטא של ההמון. נהפוך הוא, שמתי לבי לא אֶל לשונו, כי אם אל הלשון אשר תתאר ביתר שאת את המורגש, ועל הקורא שלא למד — ללמוד. למען הקל על הלימוד אוכל להעתיק לו בהערות את המלות הזרות לו עוד.

אנוכי לא אביט על הזאַרגאָן כעל „כלי שני״ ולא כעל אמצעי חולף עובר, אני חפץ שיהי ללשון, ועל־כן עלינו להרחיב אוצרות ולהוסיף מדי רגע מבטאים חדשים, לבל יאמר איש סופר צר לי המקום...

עוד זאת: אם ימצא המשלוח חן, יודיעני וישיבנו לי מהחזרה, למען עשות בו תיקונים עוד. ישנם מקומות מבולבלים, ישנם ציורים מטושטשים, לא בכל מקום החרוז עולה יפה. אך מטעם שאני נוסע על משך ימים מביתי, אמרתי יהיה לאדוני פנאי לשים עינו בעבודתי. גם זאת לדעת, כי המעתיק שלי היה איש עבריין,[2] וטעויותיו ושגיאותיו עודן קבועים.

יוכל היות, כי לא ימצא השיר חן בעיניו, ואז יאבה בטובו גם־כן להחזירו לי במהרה, אך — א ח ר י ה ק ר י א ה ע ד ס ו ף! יש לי הצדקה על זה בשביל ההוצאות שהוצאתי על ההעתקה. אצלנו העתקת כתבי עברית ביוקר מאד. שילמתי כעשרה רובל־כסף!!!

והנני מוקירו ומכבדו

זאַמאָשץ, 17 מאי 1889.

ל. פרץ

יש אתי ספורים גדולים וקטנים, הלשלוח? רבים התקבלו אל ה„הויזפריינד״ [3] וגם ישנם שיהיו נדפסים בה„פאָלקס־צייטונג״.[4]

הנ״ל

[2] בלשון סגי־נהור: איש ש א י נ ו יודע עברי.
[3] [מאסף שנתי, שיצא אז בווארשה על־ידי מרדכי ספקטור.]
[4] [טעות היא מצד פרץ. עתון בשם זה לא היה בימים ההם. הכוונה היא בודאי להשבועון „פאָלקסבלאַט״, שיצא אז בפטרבורג.]